בס"ד

בְּמִדבר תשפ"ו

גליון 282

# דעם רבינ'ס ליכט



## דער ריינער קוואל

### מִיט אַ חִיוּת אוּן אַ שִׂמְחָה

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶוען אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן מִיט אַ חִיוּת אוּן אַ שִׂמְחָה, "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע", מִיר נֶעמֶען אָן דִי תּוֹרָה. נָאכְדֶעם וָואס דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט אוֹיסְגֶעוַוארְט עֶטְלִיכֶע טוֹיזְנְט יָאר, צוּ זֶען אוֹיבּ דִי אִידְן וֶועלְן נֶעמֶען דִי תּוֹרָה צִי נִישְׁט - אַזוֹי וִוי מֶען זָאגְט בַּיי קִדּוּשׁ: יוֹם 'הַשִּׁישִּׁי', לִכְאוֹרָה, וָואס אִיז דָאס דִי 'ה' פוּן הַשִּׁישִּׁי, בַּיי דִי אַנְדֶערֶע טֶעג פוּן בְּרִיאַת הָעוֹלָם שְׁטֵייט, יוֹם אֶחָד, שֵׁנִי, שְׁלִישִׁי, פַארְוָואס בַּיי פְרַייטָאג שְׁטֵייט הַשִּׁישִּׁי? נָאר חֲזַ"ל זָאגְן אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף דֶעם טָאג, ו' סִיוָן - צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה, אַז דִי אִידְן זָאלְן נֶעמֶען דִי תּוֹרָה, וֶועט דִי וֶועלְט קֶענֶען הָאבְּן אַ קִיוּם. אוּן וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע, אִיז דִי וֶועלְט בַּאפֶעסְטִיגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אֵייבִּיג.



עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דִי תּוֹרָה אִיז אַן אֵייבִּיגֶע זַאךְ, דִי מִצְוָה אוּן מוֹעֲדִים זֶענֶען נִצְחִיּוּת, וִוי מִיר זָאגְן בַּיי סְפִירָה, וְהִקְרַבְתֶּם מִנְחָה חֲדָשָׁה, יֶעדֶעס יָאר אִיז אַ נַייעֶ מִנְחָה, אַ נַייעֶ דֶערְהֶער, צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

וָואס זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיבֶּער דֶער עִנְיָן פוּן

## אֵייעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה מִיט אַ שִׂמְחָה אוּן הִתְלַהֲבוּת? עֶס אִיז דָא אַ תּוֹרָה וָואס רוּפְט זִיךְ: 'רוּמָה עַל הַשָּׁמַיִם' (תורה ע"ד). אוֹיף דִי תּוֹרָה שְׁרַייבְּט ר' נָתָן אַז עֶר הָאט עֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן נָאר פוּן דִי חֲבֵרִים. דִי תּוֹרָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט נָאךְ פַאר עֶר אִיז גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף אוֹיסְהֵיילְן זַיין נֶפֶשׁ. וִויאַזוֹי הֵיילְט מֶען דִי נֶפֶשׁ? זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז וֶוען אַ אִיד - אַ אִינְגֶל, פְּלָאגְט זִיךְ אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן אִיז זוֹכֶה דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, הֵיילְט עֶר אוֹיס זַיין נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט פוּן זֹהַר, פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, אַז עֶס זֶענֶען פַארְהַאן צְוֵויי סָארְטְן לֶערְנֶען, סְ'אִיז דָא אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אוּן אִיז מְגַמְגֵם עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט, אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן יֶעדֶעס וָוארְט תּוֹרָה גֵייט אַרוֹיף צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר פְרַייְדְט זִיךְ מִיט דֶעם. פוּן יֶעדֶע וָוארְט וֶוערְט שֵׁיינֶע טַייכְן אוּן שֵׁיינֶע בֵּיימֶער וָואס וֶוערְן גֶערוּפְן עַרְבֵי נָחַל - אַזוֹי וִוי דִי עֲרָבוֹת וָואס זֶעעֶן אוֹיס וִוי דִי לִיפְּן, דֶערְפַאר פָּארֶעט מֶען זִיךְ הוֹשַׁעְנָא-רַבָּא מִיט דִי עֲרָבוֹת צוּ מְרַמֵּז זַיין אוֹיף דִי אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אַ גַאנְצֶע יָאר תּוֹרָה מִיט דִי מוֹיל וֶוערְט פוּן דֶעם דֶער יוֹם טוֹב הוֹשַׁעְנָא-רַבָּא.

די צְווייטֶע סָארְט לֶערְנֶען וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן 'שִׂמְחַת תּוֹרָה' – לֶערְנֶען מִיט פַארְשְׁטַאנְד, דָאס גִיבְּט חִיוּת פַארְן נֶפֶשׁ. אַ אִיד וָואס פְּלָאגְט זִיךְ אוּן הָארֶעוֶועט בִּיז עֶר פַארְשְׁטֵייט וָואס עֶר לֶערְנְט זַיין נֶפֶשׁ וֶוערְט אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן אִיז מַמְתִּיק אַלֶע דִינִים אוּן מִיט דֶעם פְלַאנְצְט עֶר אַיין אוֹיבְן בֵּיימֶער פוּן 'לֶעבְן' וָואס בְּרֶענְגְט אַלֶע רְפוּאוֹת אוּן אַזוֹי אִיז עֶר מְקַיֵּים אַלֶע וֶועלְטְן אוּן אִיז מְגַלֶּה דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס כָּבוֹד אוֹיף דֶער וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית צוּ אַנְטְפְּלֶעקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער כָּבוֹד אוֹיף דֶער וֶועלְט.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְן אַ חֵלֶק אִין דִי תּוֹרָה, סַיי אַ אִינְגְל וָואס פְּלָאגְט זִיךְ, עֶר נֶעמְט אַ מִשְׁנָיוֹת, אַ שְׁטִיקְל גְּמָרָא אִין בָּבָא קַמָּא אִין קִדּוּשִׁין אָדֶער בְּרָכוֹת, אַ שְׁטִיקְל מִדְרָשׁ, אַ חֲסִידִ'ישׁ סֵפֶר, סִפְרֵי רַבֵּינוּ, עֶר פְּרוּבִּירְט זִיךְ צוּ בְּרֶעכְן דֶעם קָאפּ וָואס דָארְט שְׁטֵייט. וָואס זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואס זָאגְט רֶבִּי יְהוּדָה וָואס אִיז דֶער חִילוּק צְווִישְׁן זֵיי, וָואס אִיז דֶער טַעַם? וָואס אִיז דִי סְבָרָא? פַארְוָואס הַאלְט נִישְׁט אֵיינֶער ווִי דֶעם צְווֵייטְן? אַזוֹי קוֹיפְּט עֶר אַיין דִי גְּמָרָא מִיט יְגִיעוֹת, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר נֶעצְט אַדוּרְךְ זַיין סִדּוּר מִיט טְרֶערְן בַּיי אַהֲבַת עוֹלָם בֶּעטְנְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער זָאל אִים קְלָאר מַאכְן זַיין מֹחַ.

טָאמֶער חָלִילָה אִיז פַארְהַאן אַ אִינְגְל וָואס הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי בֶּעסְטֶע כִּשְׁרוֹנוֹת אָדֶער אִיז עֶר יֶעצְט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט אוּן קֶען נִישְׁט יֶעצְט אַרַיינְלֵייגְן זַיין מֹחַ צוּ טִיף אִין לֶערְנֶען אִין אַ סֻגְיָא אָדֶער אַ שְׁוֶוערֶע הֲלָכָה, אִיז דָא אַן עֵצָה פַאר אִים, עֶר קֶען זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דָא אַ שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן, אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז גֶעזוּנְט דַארְף מֶען שֶׁערְן אַייזְן, [אַמָאלִיגֶע צַייטְן אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען דִי עֶלֶעקְטְרָאנִישֶׁע כֵּלִים צוּ קֶענֶען שְׁנֵיידְן אַייזְן, זֶענֶען גֶעוֶוען שְׁטַארְקֶע מֶענְטְשְׁן – גִּבּוֹרִים וָואס הָאבְן גֶעהַאט שְׁטַארְקֶע שֶׁערְלֶעך מִיט דֶעם הָאבְן זֵיי גֶעשְׁנִיטְן שְׁטִיקֶער אַייזְן] אָבֶּער טָאמֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁוַואךְ עֶר קֶען נִישְׁט יֶעצְט שֶׁערְן אַייזְן, דַארְף עֶר אַוֶועקְלֵייגְן דִי שֶׁערְלֶעךְ.

אֵיינֶע פוּן דִי נֶעמֶען פוּן דֶער יֵצֶר הָרָע אִיז 'בַּרְזֶל', קוּמְט אוֹיס אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ קֶען נִישְׁט יֶעצְט שְׁנֵיידְן דֶעם יֵצֶר הָרָע דַארְף עֶר טוּן וָואס עֶר קֶען יָא, עֶפֶענֶען אַ גְמָרָא, אַ סֵפֶר הֲלָכָה אָדֶער מִדְרָשׁ אוּן פְּרוּבִּירְן וָואס עֶר קֶען, זָאגְן דִי וֶוערְטֶער אוּן צוּלֵייגְן זַיין מֹחַ, אָדֶער זָאגְן תְּהִלִּים, לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת א.א.וו. אוּן דֶער עִיקָר אִיז טַאקֶע ווִי פְרֵיעֶרְדֶערְמַאנְט בֶּעטְן בַּיי 'וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶיךָ' אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶפֶענֶען מַיין קָאפּ, ווִי עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז אַסַאךְ גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל זֶענֶען אַלְס קִינְד גֶעוֶוען שְׁוַואכֶע קֶעפּ אוּן מִיט אַסַאךְ תְּפִלָּה אוּן רָצוֹן הָאבְן זֵיי זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ גֶעוֶוען אוּן זֶענֶען גֶעשְׁטִיגְן זֵייעֶר הוֹיךְ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה וָואס אִיז אוּנְזֶער לֶעבְן ווִי מֶען זָאגְט בַּיים דַאוֶוענֶען, כִּי הֵם חַיֵּינוּ וְאֹרֶךְ יָמֵינוּ, אוּן מֶען פִירְט אוֹיס, וְאַהֲבָתְךָ, בַּאשֶׁעפֶער טוּ נִישְׁט אָפּ דַיין לִיבְּשַׁאפְט וָואס דוּ הָאסְט צוּ אוּנְז אוּן מִיר זָאלְן דִיר לִיבְּן הָאבְן מִיט דַיין תּוֹרָה.

שָׁבוּעוֹת גֵייט מֶען זָאגְן דִי אַקְדָמוּת וָואס וֶוערְט דֶערְמַאנְט דָארְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים וֶועגְן דִי לוֹיב פוּן אִידְן אוּן דִי מִצְווֹת. אַזוֹי ווִי עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל בַּיים רֶבִּי'ן שָׁבוּעוֹת נָאכְן דַאוֶוענֶען וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט ווִי פוּן דִי אַנְדֶערֶע שׁוּלְן זָאגְט מֶען אַקְדָמוּת, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "וָואס אִידְן פַארְמָאגְן, אַקְדָמוּת מִיט דֶעם נִיגוּן", אַזַא שֵׁיינֶער נִיגוּן, אַז מֶען וֶועט לֶערְנֶען דֶעם נִיגוּן מִיט דִי טַייטְשׁ וֶועלְן מִיר בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ טוּן דִי מִצְווֹת אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ צוּ זַיין אַ אִיד אוּן זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב מַמָּשׁ צוּ דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן



# איין אשה'לע



## רֶבִּי שִׁמְעוֹן – רֶבִּי יְשַׁעְיָה

אִיךְ ווִיל דָא מִיטְטֵיילְן אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פַּאסִירוּנְג וָואס אִיז פָּארְגֶעקוּמֶען בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים:

מַיין טַאטֶע פַארְשְׁטֵייט אַבִּיסְל אִין בּוֹיעֶרַיי. אֵיין טָאג הָאט אֵיינֶער זִיךְ גֶעוֶואנְדְן צוּ אִים מִיט אַ בַּקָּשָׁה, אַז הֱיוֹת עֶר מַאכְט בַּר מִצְוָה אִין דְרַיי וָואכְן אַרוּם, ווִיל עֶר אַרוֹיסְבּוֹיעֶן זַיין סְפָרִים צִימֶער צוּ קֶענֶען מַאכְן דֶעם בַּר מִצְוָה סְעוּדָה אִינְדֶערְהֵיים. עֶר הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי בּוֹיעֶרַיי פוּן פְרִיעֶר, עֶר הָאט נָאר גֶעוָואלְט אַז מַיין טַאטֶע זָאל עֶס צוּעֶנְדִיגְן בִּיז דְרַיי וָואכְן.

גֶעוֶוענְלִיךְ, נֶעמְט מַיין טַאטֶע נִישְׁט אָן אַזַא גְרוֹיסֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער אַצִּינְד אַז מִיר הַאלְטְן פַאר דִי חֲתוּנָה פוּן מַיין בְּרוּדֶער, הָאט מַיין טַאטֶע גֶעקְלֶערְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים בַּאשֶׁערְט דִי אַרְבֶּעט, פּוּנְקְט אִין צַייט וֶוען עֶר נוֹיטִיגְט זִיךְ אִין גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער. אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִיז מַיין טַאטֶע אִיבֶּערְרַאשְׁט גֶעוָוארְן בַּאמֶערְקֶנְדִיג אַז דִי אַרְבֶּעט אִיז אִים צוּגֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן ג' אִיָּיר, אִין טָאג פוּן דֶעם גְרוֹיסְן יָארְצַייט פוּן רֶבִּי יְשַׁעְיָה בֶּן רֶבִּי מֹשֶׁה זצוק"ל.

אוֹמֶר וְעוֹשֶׂה, מַיין טַאטֶע אִיז אַרָאפּ צוּ יֶענֶעם אִין שְׁטוּבּ אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מֶעסְטְן, הַאקְן, בּוֹיעֶן, וְכַד'. אָבֶּער נָאךְ אַ וָואךְ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, הָאט מַיין טַאטֶע גֶעמוּזְט מוֹדֶה זַיין אַז עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ גְרוֹיסֶע שִׁיךְ, עֶר וֶועט עֶס נִישְׁט קֶענֶען עֶנְדִיגְן אִין צַייט אוּן אוֹיךְ הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מַאכְן אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט.

מַיין טַאטֶע הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַן אַחֲרָיוּת נִישְׁט צוּ לָאזְן דֶעם בַּעַל הַבַּיִת הֶענְגֶען אִינְמִיטְן אַן אַרְבֶּעט, דֶערִיבֶּער, הָאט עֶר פְּרָאבִּירְט צוּ טְרֶעפְן אֵיינֶעם וָואס זָאל אִים אִיבֶּערְנֶעמֶען, כָאטְשׁ וָואס עֶס הָאט אִים לַיידְט גֶעטוּן דֶעם הֶפְסֵד.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין דֶער בַּעַל הַבַּיִת גֶעוָוארְן מֶער אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעבָּאטְן פַאר מַיין טַאטֶע אַ דָאפְּלְטֶע סְכוּם אַבִּי דִי אַרְבֶּעט זָאל פַארְטִיג זַיין אִין צַייט. מַיין טַאטֶע וֵוייסְט נָאךְ עַד הַיּוֹם נִישְׁט פַארְוָואס דֶער אִיד הָאט זִיךְ פַארְלֵייגְט אוֹיף אִים; עֶס זֶענֶען דָא אִין שְׁטָאט גֶענוּג מֻמְחִים אִין בּוֹיעֶרַיי, פַארְוָואס הָאט עֶר פּוּנְקְט גֶעוָואלְט אַז מַיין טַאטֶע זָאל טוּן דִי אַרְבֶּעט? נָאר אַז סְ'אִיז גֶעוֶוען בַּאשֶׁערְט פַאר מַיין טַאטֶע דִי הַכְנָסָה.

מִיר אַלֶע זֶענֶען גֶעוָוארְן זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן אַז מַיין טַאטֶע זָאל טַאקֶע קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי אַרְבֶּעט אִין צַייט. מִיר הָאבְּן גֶעהָאלְפְן דֶעם טַאטְן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז אַלֶעס זָאל זִיךְ אוֹיסְשְׁטֶעלְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. מַיין טַאטֶע הָאט גֶעזָאגְט אַז בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע וֵוייסְט עֶר נִישְׁט ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען צוּ עֶנְדִיגְן אִין צַייט, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיטְ'ן כֹּחַ הַתְּפִלָּה.

אֵיין וָואךְ אִיז אַרִיבֶּער, וֶוען מַיין טַאטֶע אַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט נָאךְ אַרַאבֶּער צוּ אוּנְטֶערְיָאגְן דִי אַרְבֶּעט, אוּן צְוֵויי דְרִיטְל פוּן דִי צִימֶער אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גְרֵייט.

אַ הַאלְבֶּע וָואךְ שְׁפֶּעטֶער - פּוּנְקְט עֶרֶב ל"ג בָּעֹמֶר אִין דִי הֵיילִיגֶע הִלּוּלָא פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי, אִיז דִי אַרְבֶּעט גֶעוָוארְן פַארְטִיג! מִיר אַלֶע מִיט מַיין טַאטֶע, הָאבְּן פְרַיי אָפְּגֶעאָטֶעמְט.

אוּן וָואס מֵיינְט אִיר? דִי בַּר מִצְוָה וֶועט צוּם סוֹף גֶעפְּרַאוֶועט וֶוערְן אִין אַ זַאל...

סְ'אִיז בַּאשֶׁערְט גֶעוֶוען אַז דֶער בַּעַל הַבַּיִת זָאל אָנְכַאפְּן אַ דְרַאנְג אוּן אַזוֹי אַרוּם זִיךְ וֶוענְדְן צוּ מַיין טַאטְ'ן מִיט אַ גְרוֹיסְן אָנְבָּאט עֶרֶב חֲתוּנָה. וֶוען מֶען קְלֶערְט אַרַיין אִין דֶעם קֶען מֶען קְלָאר בַּאמֶערְקְן ווִי דִי צַדִּיקִים זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען הִינְטֶער דָאס אַלֶעס.




*אין קורצן פון פריער:*

*בלית ברירה איז רבי נתן איינגעגאנגען אויפ'ן אפמאך, אז ער וועט פארן קיין בארדיטשוב צו איינהאנדלען סחורה, און זיין רביצין וועט פירן די געשעפט. אבער ווי נאר ער האט זיך אומגעקערט פון די רייזע, איז ער גלייך אריינגעלאפן אין ביהמ"ד צו פארזעצן זיינע סדרים וואס דער רבי האט אים אויסגעשטעלט שוין פאר א צייט צוריק, אין זיינע ערשטע וואכן ווען ער איז נתקרב געווארן. זיין רביצין ווייסט נישט וויפיל צו רעכענען פאר די קונים, זי מוז כסדר לויפן אין ביהמ"ד צו פרעגן פרייזן.*

אצינד ליינט ווייטער:

די רביצין האט מיט אלע כוחות פרובירט צו פירן די געשעפט, אבער עס האט כמעט נישט אריינגעברענגט קיין פארדינסט. און אזוי-ווי זי איז געווארן אויפגעציטערט אין א ברייטע ווירטשאפט, קודם ביי איר פאטער אין שטוב, און נאכדעם ביי איר שווער, וועלכע זענען ביידע געווען שיינע פארדינערס, האט זי נישט פארשטאנען ווי אזוי מען שפארט געלט. זי האט זיך נישט אויסגעקענט אין די פאך פון אויסציען א מטבע אז ס'זאל קלעקן וואס לענגער. אזוי ארום האט זיך דאס ביסל געלט וואס איז אריינגעקומען, שנעל אויסגענוצט. און אין שטוב איז געווארן ענג דעם מצב.

די רביצין האט זיך געוואנדן צו איר מאן אויף צו קענען איינהאנדלען אירע געברויכן, אבער רבי נתן האט נישט געוואוסט פון קיין געלט צו זאגן, נאר תורה ועבודה. ער האט נישט געהאלטן מיט די שיטה פון די וועלט, אז מען מוז אוועקגעבן צייט אויף צו ארבעטן. ביי אים האט גארנישט עקזיסטירט נאר רוחניות.

איין טאג, ווען די רביצין האט געשפירט אז זי ווערט שוין ממש דערשטיקט פון ענגשאפט, האט זי זיך זייער אויסגעוויינט צו רבי נתן און אים שטארק געמוטשעט אז ער זאל איר ראטעווען דעם מצב און ברענגען פרנסה.

רבי נתן איז געווארן זייער צעבראכן פון דעם. ער איז אריין אין צימער מיט א שווערן הארץ און זיך אויסגערעדט צו אויבערשטן, "הייליגער באשעפער, עס געדיערט אזוי לאנג ביז א מענטש ווערט אויסגעארבעט צו זיין א צדיק! ביזדערווייל, געב מיר פרנסה!"

דער אויבערשטער האט געזען זיין צעבראכן הארץ און אים געשיקט די ישועה, נאך איידער ער האט מתפלל געווען פאר דעם. א צייט פריער, האבן די שותפים פון רבי נפתלי הירץ זיך צאמגעזעצט אויף אן אסיפה און דורכגעשמועסט דעם מצב פון רבי נתן. זיי האבן געטענה'ט אז רבי נתן איז א זעלטענער כלי מפואר און עס איז רעכט אים צו ארויסהעלפן.

רבי נפתלי הירץ האט זיך פארענטפערט אז ער האט שוין געשיצט רבי נתן אזויפיל יארן, ער האט דאך נאך קינדער אין שטוב וועמען ער דארף אויסהאלטן.

די שותפים האבן פארגעשלאגן אז מען זאל נעמען די איבעריגע שטאף פון רבי נתנ'ס געשעפט, עס אפשאצן און צולייגן נאך שטאף פון זייער געשעפט אין אדעסא. רבי נתן וועט זיין דא א שותף, און רבי נפתלי הירץ וועט אים אביסל צושטופן אין זייט. דאס וועט צושטעלן פאר רבי נתן א שיינע הכנסה אן דעם וואס ער זאל זיין צוצולאסט אויף זיין פאטער.

פאר רבי נפתלי האט זייער געפעלן דעם פלאן. און דער אפמאך איז תיכף אריין אין קראפט. אויף דעם אופן האט רבי נתן מצליח געווען צו אויסהאלטן זיין פאמיליע גאנצע פופצן יאר! יעדע וואך האט רבי נתן באקומען זיין חלק אין דעם שותפות און דערצו האט אים זיין פאטער אביסל צוגעלייגט, און רבי נתן האט געקענט ווייטער לערנען אומגעשטערט אן דעם וואס ער זאל דארפן איינטונקן די הענט אין קאלט וואסער אויף גשמיות.

עס איז מקוים געווארן ביי אים די משנה: "כל המקבל עליו עול תורה, מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ."

מיט פלייס און אומפעט האט רבי נתן געלערנט און געדאווענט און דערצו געשריבן די אלע ספרים און חידושים וואס באלייכטן די וועלט ביז צו היינטיגן טאג!

## שווערע צייטן פאר'ן רבי'ן

דער רבי האט שוין געהאט גענוג מתנגדים פון פריער, אבער נישט געפערליך - נישט מער ווי סיי וועלכער אנדערע רבי'ס. אבער דורכאויס יענעם זומער, האט זיך אנגעהויבן די מחלוקה מיט'ן הייליגער פעטער פון רבי'ן, רבי ברוכ'ל מעזשיבוזש'ער זצוק"ל.

רבי ברוכ'ל האט געזאגט צו זיין שוועסטער, הרבנית הצדיקת פייגא ע"ה - די מוטער פון רבי'ן, אז די סיבה פון זיין התנגדות איז צוליב די געוואלדיגע אור פון רבי'ן, וואס דו וועלט איז ליידער נאכנישט גרייט דערויף. און עס איז נאר מעגליך צו נהנה זיין פון זיין ליכטיגן שיין, אויב עס וועט עטוואס פארטונקלט ווערן דורך מחלוקות אויף אים. אז נישט וועט חלילה דער רבי דארפן גיין פון דער וועלט. (ליקוטי מוהר"ן סימן קנב).

זעען מיר פון די ווערטער אז די מחלוקה איז געווען העכער אונזערע השגות צו פארשטיין. אבער בפועל איז די מחלוקה געווען א שווערע נסיון פאר די ברסלב'ער חסידים ובפרט פאר'ן רבי'ן.

דער רבי האט באשלאסן צו פארן קיין טולטשין און זיך אדורכשמועסן מיט'ן פעטער. רבי נתן האט געוואלט מיטפארן מיט'ן רבי'ן אים צו באגלייטן און משמש זיין, אבער דער רבי האט אים געזאגט אז ער זאל נישט קומען, זאגנדיג: "ס'וועט נישט זיין גוט פאר דיר מיר צו זען אין אזא מצב..."

ווי עס האט זיך טאקע ארויסגעשטעלט, איז פארגעקומען צווישן די צוויי הייליגע רביים מיינונגס פארשידנהייטן, און פון דאן אן האט רבי ברוכ'ל ארויסגעוויזן התנגדות צום רבי'ן. דער רבי האט ווייזט אויס שוין געשפירט פון פאראויס ווי אזוי עס וועט זיך אויסקאכן די באזוך, און האט נישט געוואלט אז רבי נתן זאל דאס מיטהאלטן פון דער נאנט.

אויף דעם שבת ווען דער רבי איז געווען אין טולטשין, איז דעם רבינ'ס גרויסן תלמיד און מקובל, רבי יודל פון מעדוועדיווקע, געווען אין ברסלב. רבי נתן איז נאך דארט געווען און זיי האבן געפראוועט איניאינעם א דערהויבענעם שבת - ווי נאר פייערדיגע חסידים זענען אומשטאנד...

רבי יודל האט געהאט מיט זיך כתבים פון רבינ'ס תורות, וואס דער רבי האט געזאגט איידער רבי נתן איז נתקרב געווארן. נאכדעם וואס רבי נתן

האט שוין געשפירט וואס א תורה פון רבי'ן באדייט, האט ער זיך צוגעכאפט צו די נייע כתבים און זיך פארטיפט דערין. דורכאויס דעם גאנצן שבת זענען די צווייטע דערהויבענע תלמידים געזעסן און געלערנט פון די כתבים. אויך נאכדעם וואס די שבת האט זיי פארלאזט, זענען זיי נאך געזעסן פארטיפט ביז טיף אין די נאכט אריין פון מוצאי שבת.

ווי די שעה'ן האבן זיך געריקט, האט רבי נתן זיך געמאכט א חשבון, אז באלד וועט דער רבי זיך אהיימקערן פון טולטשין, וועט ער דאך אוודאי וועלן אריינכאפן נאך א שמועס מיטן רבי'ן פאר'ן אהיימפארן, און דערנאך וועט אויך די וועג אהיים קיין נעמירוב נעמען צייט, דעריבער איז היינט נאכט די פאסיגע צייט צו זיין וואַך. מיר האבן שוין געשריבן אין די פריערדיגע קאפיטלעך, האט דער רבי מדריך געווען רבי נתן מיט א דרך אין עבודת השם - וועלכע לימודים צו לערנען און נאך התנהגות אין עבודת השם, און אינצווישן האט אים דער רבי אים מדריך געווען אז צווייטע טעג אין זיין לעבן, זאל ער זיין וואך דורכאויס די גאנצע צייט. אזוי איז טאקע געווען. רבי נתן האט אפגעווארט דעם רבי'ן. און דערנאך איז ער צוריקאהיימגעפארן קיין נעמירוב, אן צו שלאפן ביז זונטאג נאכט.

# שבת פארטאגס אין לובלין #2



נאכן איבערשמועסן אביסל מיט רבי יצחק איז ר' יחיאל ארויס פון ברסלב'ער קלויז באגייסטערט, ער האט גארנישט געחלומ'ט אז זיין ישועה ליגט אזוי נאנט צו אים אן ער זאל וויסן דערפון, ער האט צוגעהיילט זיינע טריט אהיים דער משפט איז שוין אויף כפרות, אבער אלעס איז געווען ווערד, ער האט שוין א האפענונג פאר זיין נשמה.

מיט די צייט האט ר' יחיאל אוועקגעשטעלט זיין פלאץ אין די ברסלב'ער שול, ער האט געפילט אז דא איז זיין פלאץ געשענקט פאר אים נאך פון ששת ימי בראשית, דא וועט ער באקומען זיין תיקון. ער האט זיך פלייסיג גענומען צום לערנען אלע ספרי רבינו - וואס זענען דעמאלס פארשפרייט געווארן אין פולין דורך דעם חסיד ר' אהרן לייב ציגלמן הי"ד (אומגעקומען ביי דער צווייטער וועלט מלחמה) ווען ער פראבירט ממש מקיים זיין למעשה יעדע עצה און דיבור פון רבי'ן מיט א געוואלדיגע תמימות.

ווען ער האט געזען די פייערדיגע דיבורים פון רבי'ן ז"ל איבער די גרויסקייט פון ארץ ישראל, ווי צום ביישפיל עס שטייט אין חיי מוהר"ן ט"ו אז: "רְצוֹנוֹ שֶׁכָּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל כָּל מִי שֶׁרוֹצֶה לִהְיוֹת אִישׁ יִשְׂרָאֵל בֶּאֱמֶת יִסַּע לְאֶרֶץ- יִשְׂרָאֵל," דער רצון פון רבי'ן ז"ל איז געווען אז ווער עס וויל זיין א אמת'ער ערליכער איד זאל פארן קיין ארץ ישראל, "וְאַף-עַל-פִּי שֶׁיֵּשׁ לוֹ מְנִיעוֹת רַבּוֹת עַל-זֶה, יְשַׁבֵּר כָּל הַמְּנִיעוֹת וְיֵלֵךְ לְשָׁם" און כאטש ער האט אסאך שוועריגקייטן און מניעות אויף דעם, זאל ער ברעכן אלע מניעות און גיין אהין, "כִּי זֶה עִקַּר נִצְחוֹן הַמִּלְחָמָה כְּשֶׁזּוֹכִין לָבוֹא לְאֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל" ווייל דאס איז דער עיקר זיג פון

דער מלחמה, ווען מען איז זוכה צו קומען אין ארץ ישראל. וכו׳..

די אלע דיבורים האבן אנגעצונדן אין ר׳ יחיאל שטארקע רצונות און א בענקשאפט צו איבערלאזן די גוי׳שע לאנד און שפרייזן זיינע טריט קיין ארץ ישראל. אבער ווי טוט מען אזא ווילדע זאך? ס׳איז גארנישט אזוי גלאטיג איבערצולאזן א געשעפט מיט קונדן, אזוי אויך א שטעטל מיט באקאנטע פריינד און גוטע שכנים, און די בני בית האבן דאך אויך וואס צו זאגן, חוץ פון די מוציאי דיבת הארץ, מענטשן וואס האבן דערציילט שרעקעדיגע מעשיות אז אין ארץ ישראל שטארבט מען אין די גאסן פון הונגער און ארעמקייט, און מען הרג׳עט אויס אידן אין די מלחמות און נאך אזעלכע באבע מעשיות וואס האבן נישט געהאט קיין פארבינדונג מיטן אמת׳ן מציאות אבער האט איבערגעלאזט א שרעק אין די בענקענדיגע הערצער וועלכע האבן געוואלט זוכה זיין דארט אנצוקומען בשלום.

כאטש אין אנפאנג האט אויסגעזען ר׳ יחיאל׳ס רצון ארויפצוגיין קיין ארץ ישראל נישט קיין מעגליכע זאך, האט אבער מיט די צייט ווען די שנאה פון די פוילישע גוים איז געווארן שטארקער קעגן די אידן און מיט אסאך תפילות און רצונות איז אויסגעשטעלט געווארן א פלאן אז ר׳ יחיאל זאל אליין פארן קיין ארץ ישראל און אויב ס׳וועט זיך אויסארבעטן וועט ער ארויפברענגען אויך זיין משפחה אהין.

מיט א שיף איבערן ים האט ר׳ יחיאל זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, און נאך א לאנגע רייזע אנגעקומען בשלום אין די הייליגע אויסגעבעטענע לאנד. ווען ער איז דערגרייכט ירושלים האט ער געזען אז דער מצב איז נישט אזוי שרעקעדיג ווי מען האט עס פארגעשטעלט און אידן וואוינען אין ירושלים טאקע נישט רייך אבער אנטקעגן דעם לעבן אין לובלין איז עס גאנץ פיין.

נאך א קורצע צייט ווילן אין ירושלים איז ר׳ יחיאל צוריקגעפארן קיין פולין און ארויפגעברענגט זיין הויז געזינד מיט גאנצן פארמעגן קיין ארץ ישראל, אויך נאכן זיך מסדר זיין אין ירושלים מיט זיין פאמיליע האט ר׳ יחיאל נאכנישט איינגערוט און איז ווידער צוריקגעפארן און ארויפגעבריינגט ווייטערע משפחה מיטגלידער ווען ער האט זיי געוויזן אז ס׳איז דא א וועג צו ארויפגיין אין די הייליגע לאנד.

אין ירושלים האט ר׳ יחיאל געעפנט בשותפות מיט ר׳ שמחה בארנשטיין הי״ד א פאבריק פון קארטאן פושקעס, וואס האט אים אריינגעברענגט שיין פרנסה, צווישן די צובלוטיגטע ארימע ברסלב׳ע חסידים האט ר׳ יחיאל געהייסן דער ״גביר״ און ער פלעגט אסאך ארויסהעלפן און אויסהאלטן די ארעמע משפחות.

עטליכע יאר שפעטער איז דער רשע דער נאצי ימח שמו וזכרו ארויף אין דייטשלאנד און אויסגע׳הרג׳עט אין עטליכע יאר מיליאנען אידישע קינדער, פון אלע איינוואוינער פון לובלין זענען געבליבן איינער פון טויזנט צעבליטיגט און צעבראכן פיזיש און גייסטיש, נאר דעמאלס האט ר׳ יחיאל געזען אז יענעם וותיקין שבת אינדערפרי איז געווען זיין ״יום הצלה״ ווי עס זענען געראטעוועט געווארן ער מיט זיין משפחה פון א כמעט זיכערן טויט, ער האט פארשטאנען אז זיינע ווערטער צו רבי יצחק ברייטער זענען געווען אזוי ווי א רוח הקודש וואס איז געווארפן געווארן אין זיין מויל אין יענע איבעראשנדע מינוטן ווען ער האט געזאגט: ״די משפט וואס איך האב היינט געהאט האט איך שוין אנגעווארן אויך דאס געלט, אבער מיין לעבן האב איך היינט צוריקבאקומען במתנה״

# אַ קְלֵיינֶע פְּעוּלָה

יֶעדֶער גֶעוואוּסְט אַז אַ גַאנְצֶע וָואךְ לֶערְנְט עֶר פוּיל אוּן עֶר שְׁמוּעֶסְט פִּיל בַּיים חַזְרְ'ן, אָבֶּער אַ טָאג פַאֵרְן בְּחִינָה פְלֶעגְט עֶר וֶוערְן הִיסְטֶערִישׁ, עֶר פְּלֶעגְט לֶערְנֶען שְׁנֶעל-שְׁנֶעל-שְׁנֶעל, צוּזַאמֶענְנֶעמֶען, שְׁרַייבְּן אוּן אַיינְ'חַזְרְ'ן אוֹיסְנֶווייניג, בִּיז עֶר פְלֶעגְט עֶנְדְלִיךְ בַּאקוּמֶען אַן 88 אוֹיף דִי בְּחִינוֹת. אַזַא הַצְלָחָה אִיז נִישְׁט קֵיין בּוּשָׁה...

אַבְרָהמֶ'לֶע אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן פוּן זַיין מַצָּב. עֶר הָאט גוּט גֶעוואוּסְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרָאדֶער אוּן רִיכְטִיגֶער וֶועג. עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג אָפְּגֶעכִיפֶּערְט אַדוּרְכְצוּיָאגְן אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ בַּיים דַאוֶונֶען אָן אוֹיסְלָאזְן גָארְנִישְׁט, אָבֶער עֶר פְלֶעגְט עֶס זָאגְן גָאר שְׁנֶעל, מַמָּשׁ וִוי אַ מַאשִׁין!

זַיין פָּנִים הָאט נִישְׁט גֶעשְׁטְרַאלְט מִיט שִׂמְחָה וַוייל זַיין אוֹיפְפִירוּנְג אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וִוי עֶס דַארְף צוּ

המשך פון די לעצטע זייט

זַיין.

אֵיין טָאג, וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן דִי מַעֲשֶׂה פוּן "בֶּן הַמֶּלֶךְ וְהַשִּׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ", הָאט בַּיי אִים עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעבְּלִיצְט. עֶר הָאט פְּלוּצְלִינְג אַיינְגֶעזֶען אַז בֶּאֱמֶת אִיז עֶר גָאר אַ גוּט קִינְד. עֶר דַארְף נָאר אַבִּיסְל 'אוֹיסְגְלַייכְן' זַיין זֵייגֶער אוּן טוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן וָואס עֶר טוּט שׁוֹין סַייוִוי, נָאר אַבִּיסְל פְּרִיעֶר. לֶערְנֶען אַ גַאנְצֶע וָואךְ וֶוען אַלֶע אַנְדֶערֶע לֶערְנֶען, אַנְשְׁטָאט אַרַיינְצוּשְׁטוּפְּן אַלֶעס בַּיים סוֹף. אָנְקוּמֶען צוּם דַאוֶוענֶען צַייטְלִיךְ וֶוען יֶעדֶער קוּמְט אָן, אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ יָאגְן אוּן פְּרוּבִּירְן אַרַיינְצוּכַאפְּן אַלֶעס אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען. אַזוֹי אַרוּם וֶועט אַלֶעס פַאלְן אִין פְּלַאץ. עֶר וֶועט הָאבְן אַ חֵשֶׁק צוּ דַאוֶוענֶען מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, לֶערְנֶען מִיט אַ גֶעשְׁמַאק, אוּן שְׁפִּירְן אַ זִיסְן טַעַם אִין גַאנְצְן לֶעבְּן.

# סיפורי מעשיות משנים קדמוניות




בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דָא אִיז פַארְהַאנְדְן אַ שְׁטוּהְל פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס סְ'גֶעוֶוען. אוּן דִי שְׁטוּהְל אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ.

אוּן בַּיי דֶער שְׁטוּהְל שְׁטֵייעֶן אַלֶע־עֶרְלֵיי חַיּוֹת אוּן עוֹפוֹת, פוּן הָאלְץ אוֹיסְגֶעשְׁנִיצְט. אוּן פַאר דֶער שְׁטוּהְל, שְׁטֵייט אַ בֶּעטְל. אוּן בַּיי דֶעם בֶּעט, שְׁטֵייט אַ טִישׁ. אוּן אוֹיף דֶעם טִישׁ, שְׁטֵייט אַ לַייכְטֶער.

אוּן פוּן דֶער שְׁטוּהְל, גֵייעֶן אַרוֹיס גֶעשְׁלָאגֶענֶע [אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶע] וֶועגְן – אוּן דִי וֶועגְן זֶענֶען גֶעמוֹיעֶרְט – אוּן דִי וֶועגְן גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּהְל, אִין אַלֶע זַייטְן. אוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, וָואס סְאִיז דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּהְל, מִיט דִי וֶועגְן!

און דִי [דָאזִיגֶע] וֶועגְן – אַז זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס און צִיעֶן זִיךְ אַוֶועק אַ שְׁטִיק [אַבִּיסְל] – שְׁטֵייט דָארְט אַ גִילְדֶענֶער לֵייבּ – און אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל צוּ אִים צוּגֵיין [נָאנְט], וֶועט עֶר עֶפֶּענֶען דָאס מוֹיל, און וֶועט אִים אַייִנְשְׁלִינְגֶען. און וַוייטֶער פוּן דֶעם לֵייבּ – צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג נָאךְ וַוייטֶער.

און אַזוֹי [אוֹיךְ] בַּיי דִי אִיבְּרִיגֶע וֶועגְן וָואס זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּהְל – דְהַיְינוּ: בַּיי דֶעם אַנְדֶערְן וֶועג וָואס סְגֵייט אַרוֹיס פוּן דֶער שְׁטוּהְל צוּ אַ אַנְדֶערֶע זַייט – אִיז אוֹיךְ אַזוֹי – אַז דֶער וֶועג צִיהְט זִיךְ אַ שְׁטִיק אַוֶועק, שְׁטֵייט דָארְט אַ אַנְדֶערֶע חַיָה, דְהַיְינוּ: אַ לֶעמְפֶּערְט פוּן אַייזְנְוַוארְג – און דָארְט קֶען מֶען אוֹיךְ צוּ אִים נִישְׁט צוּגֵיין [נָאנְט] (כַּנַ"ל, וָוארְן עֶר וֶועט אַייִנְשְׁלִינְגֶען).

און וַוייטֶער פוּן דֶעם לֶעמְפֶּערְט – צִיהְט זִיךְ דֶער וֶועג וַוייטֶער.

און אַזוֹי אִיז [אוֹיךְ] בַּיי דִי אִיבְּרִיגֶע וֶועגְן. און דִי דָאזִיגֶע וֶועגְן – צִיעֶן זִיךְ און גֵייעֶן אִין דֶער גַאנְצֶער מְדִינָה.

און קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ וַוייסְט נִישְׁט, וָואס דִי זַאךְ אִיז פוּן דֶער שְׁטוּהְל, מִיט דִי אַלֶע זַאכְן, מִיט דִי וֶועגְן!

בְּכֵן [דֶערִיבֶּער], וֶועסְטוּ דֶערְמִיט גֶעפְּרוּבְט וֶוערְן – אוֹיבּ דוּ וֶועסְט קֶענֶען וִויסְן דִי זַאךְ פוּן דֶער שְׁטוּהְל, מִיט דֶעם אַלֶעמֶען!

הָאט מֶען אִים גֶעוִויזְן דִי שְׁטוּהְל! הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז זִי אִיז זֵייעֶר הוֹיךְ וְכוּ! אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער שְׁטוּהְל!

הָאט עֶר אַ קוּק גֶעטָאן – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: אַז דִי שְׁטוּהְל אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן פוּן דֶעם [זֶעלְבְּן סָארְט] הָאלְץ פוּן דֶעם קֶעסְטְל (דְהַיְינוּ: דִי כְּלִי וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד הָאט אִים גֶעשֶׁענְקְט, כַּנַ"ל).

הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעקוּקְט – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז סְ'גֵייט אָפּ [סְ'פֶעלְט] פוּן דֶער שְׁטוּהְל פוּן אוֹיבְן – עֶפֶּעס אַ רֵייזֶעלֶע [רוֹיז] – און אַז דִי שְׁטוּהְל זָאל הָאבְּן דָאס רֵייזֶעלֶע, וָואלְט דִי שְׁטוּהְל גֶעהַאט דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטְל (דְהַיְינוּ: דִי כְּלִי הַנַ"ל, וָואס זִי הָאט גֶעהַאט דֶעם כֹּחַ, אַז [וֶוען] מְ'פְלֶעגְט דִי כְּלִי צוּ לֵייגְן, אוֹיף עֶפֶּעס אַ בְּהֵמָה אָדֶער אַ חַיָה וְכוּ – הָאט [דָאס] אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שְׁפִּילְן, כַּנַ"ל).

הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעקוּקְט – הָאט עֶר גֶעזֶעהְן: אַז דָאס רֵייזֶעלֶע וָואס סְ'גֵייט אָפּ [סְ'פֶעלְט] אוֹיבְן פוּן דֶער שְׁטוּהְל – דָאס רֵייזֶעלֶע לִיגְט אוּנְטְן אִין דֶער שְׁטוּהְל.

בַּאדַארְף מֶען דָאס רֵייזֶעלֶע, אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְטְן – און אַרַייִנְזֶעצְן עֶס אוֹיבְן – אַזוֹי וֶועט דִי שְׁטוּהְל הָאבְּן דֶעם כֹּחַ פוּן דֶעם קֶעסְטְל (הַנַ"ל).

וָוארְן דֶער מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען, הָאט אִיטְלֶעכֶע זַאךְ גֶעטָאן מִיט חָכְמָה – און הָאט אַלְץ [אַלֶעס] פַארְשְׁטֶעלְט – כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי זַאךְ וָואס עֶר מֵיינְט – בִּיז סְ'וֶועט קוּמֶען אַזוֹי אַ [אַזַא] וִוילְד־גְרוֹיסֶער חָכָם, וָואס עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטוֹיסְן [פַארְשְׁטֵיין], און וֶועט קֶענֶען צוּטְרֶעפְן, אַלְץ [אַלֶעס] אִיבֶּערְצוּבַּייטְן, און מְסַדֵר צוּ זַיין אַלֶע זַאכְן אַזוֹי־וִוי מְ'דַארְף.

און אַזוֹי [אוֹיךְ] דָאס בֶּעטְל – הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען: אַז מְ'בַּאדַארְף עֶס אַבִּיסְל אַוֶועקְרוּקְן פוּן דֶעם אָרְט וִוי סְ'שְׁטֵייט!

און אַזוֹי [אויךְ] דֶעם טִישׁ – בַּאדַארְף מֶען אויךְ אַבִּיסְל אַוֶועקְרוּקְן פוּן דֶעם אָרְט! און אַזוֹי [אויךְ] דֶעם לַייכְטֶער – בַּאדַארְף מֶען אויךְ אַבִּיסְל אַוֶועקְרוּקְן פוּנֶעם אָרְט!

און אַזוֹי [אויךְ] דִי עוֹפוֹת און דִי חַיּוֹת – מוּז מֶען זַיי אויךְ אַלֶע אִיבֶּערְשְׁטֶעלְן [אויף אַ אַנְדֶערֶע פְּלַאץ] – מְ׳זָאל נֶעמֶען דָאס עוֹף פוּן דֶעם אָרְט, און מְ׳זָאל עֶס שְׁטֶעלְן אויף דֶעם אָרְט! און אַזוֹי אַלֶע [זַאכְן] – מוּז מֶען אַלְץ [אַלֶעס] אִיבֶּערְשְׁטֶעלְן אַנְדֶערְשׁ!

וָוארְן דֶער מֶלֶךְ, הָאט אַלְץ [אַלֶעס] אִין מִיסְטֶעְנֶע [בְּכַוָּונָה] פַארְשְׁטֶעלְט מִיט חָכְמָה – כְּדֵי קֵיינֶער זָאל נִישְׁט ווִיסְן וָואס מְ׳מֵיינְט! – בִּיז סְ׳וֶועט קוּמֶען דֶער חָכָם וָואס עֶר וֶועט קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין עֶר זָאל אַלְץ [אַלֶעס] מְסַדֵּר זַיין אַזוֹי־ווִי מְ׳בַּאדַארְף!

און אַזוֹי [אויךְ] דֶער לֵייבּ וָואס עֶר שְׁטֵייט דָארְט ווִי דֶער וֶועג גֵייט אַרוֹיס – בַּאדַארְף מֶען אִים אַהִינְשְׁטֶעלְן!

און אַזוֹי [אויךְ] אַלֶע [זַאכְן] – בַּאדַארְף מֶען אַלְץ [אַלֶעס] אִיבֶּערְשְׁטֶעלְן! הָאט עֶר גֶעהֵייסְן: אַז מְ׳זָאל אַלְץ [אַלֶעס] מְסַדֵּר זַיין ווִי [אַזוֹי־ווִי] מְ׳בַּאדַארְף!

מְ׳זָאל אַרוֹיסְנֶעמֶען דָאס רֵייזֶעלֶע פוּן אוּנְטְן – און מְזָאל עֶס אַרַיינְזֶעצְן אוֹיבְן! און אַזוֹי [אויךְ] דִי אַלֶע [אַנְדֶערֶע] זַאכְן – זָאל מֶען אַלְץ [אַלֶעס] אִיבֶּערְשְׁטֶעלְן – און מְ׳זָאל זֵיי מְסַדֵּר זַיין אַנְדֶערְשׁ (אַזוֹי־ווִי מְבַּאדַארְף, אַזוֹי־ווִי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן)!

ווִי [נָאר] מְ׳הָאט אַזוֹי גֶעטָאן – הָאבְּן [דַאן] אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלֶע – צוּ שְׁפִּילְן דֶעם וואוּילְן [וואוּנְדֶערְלִיכְן] נִיגוּן, וָואס עֶר אִיז זֵייעֶר אַ ווִילְד חִידוּשׁ! און זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעטָאן – דָאס [דִי רִיכְטִיגֶע פְּעוּלָה] וָואס זֵיי בַּאדַארְפְן צוּ טוּהְן!

אַזוֹי [און דַאן] הָאט מֶען אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי מְלוּכָה (דְהַיְינוּ: [פַּאר] דֶעם אֶמֶתְן בֶּן־מֶלֶךְ, וָואס עֶר הָאט דִי אַלֶע חָכְמוֹת בַּאווִיזְן, כַּנַ״ל)!

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, און הָאט גֶעזָאגְט צוּ דֶעם בֶּן־הַשִּׁפְחָה: הַיינְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ: אַז אִיךְ בִּין טַאקֶע דֶער אֶמֶתֶער בֶּן־מֶלֶךְ און דוּ בִּיזְט דֶער בֶּן־הַשִּׁפְחָה בֶּאֱמֶת!

[רַבֵּינוּ ז״ל הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶערְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה]: פַארְצַייטְן אַז [וֶוען] מְ׳פְלֶעגְט שְׁמוּעֶסְן קַבָּלָה – פְלֶעגְט מֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט אַזוֹי אַ לָשׁוֹן (ווִי דִי מַעֲשֶׂה אִיז) וְכוּ׳!

דִי מַעֲשֶׂה – אִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ – און סְגָאר אֵיינְס – דִי בְּהֵמוֹת וְכוּ׳, און דִי שְׁטוּהְל, און דֶער גָארְטְן וְכוּ׳ – סְגָאר אֵיינְס – אַמָאל הֵייסְט עֶס אַזוֹי, [און] אַמָאל אַזוֹי!

דֶער פֵּירוּשׁ פוּן דֶער מַעֲשֶׂה: אִיז אַזוֹי־ווִי דִי שְׁטוּהְל וָואס דֶער מֶלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט – וָואס דֶער עִיקַּר חָכְמָה אִיז: אַז מְ׳זָאל ווִיסְן ווִיאַזוֹי מְסַדֵּר [צוּ] זַיין אִיטְלֶעכֶע זַאךְ! אַזוֹי אויךְ – וֶוער סְ׳אִיז אַ גְרוֹיסֶער בָּקִי אִין סְפָרִים, [און זַיין הַארְץ אִיז גַאנְץ], און אִיז אַ גְרוֹיסֶער חָכָם בֶּאֱמֶת – קֶען עֶר פַארְשְׁטֵיין דָאס פֵּירוּשׁ! נָאר מְמוּז ווִיסְן: מְזָאל גוּט מְסַדֵּר זַיין! – וָוארְן אַמָאל הֵייסְט דִי זַאךְ אַזוֹי, [און] אַמָאל אַזוֹי!

[און אַזוֹי אויךְ בַּיי דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן, דְהַיְינוּ: בַּיי דִי פֵּירוּשׁ פוּן דִי מַעֲשֶׂה – צוּמָאל הֵייסְט דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער מֶענְטְשׁ פוּן דִי מַעֲשֶׂה, מִיט דֶעם נָאמֶען, און צוּמָאל מִיט אַ אַנְדֶערֶע נָאמֶען – און אַזוֹי אויךְ בַּיי דִי אִיבְּרִיגֶע זַאכְן]!

אַז וואוּיל אִיז דֶעם וָואס עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין דָאס

פארזעצונג אויף זייט 5

:pe ____________________

# לאמיר זיך פארהערן



## די עלוויטע מעשה - דער בן מלך ובן שפחה שנתחלפו (8)

**א. דער שטול פונעם קעניג איז געווען הויך אדער נידריג?**
- ❑ הויך
- ❑ זייער הויך
- ❑ נידריג

**ב. פארוואס קען מען נישט גיין נאנט צום שטול?**
- ❑ וייל ווען מ'קומט נאהנט הייבט מען אהן אים צו נאכלויפן
- ❑ וייל ווען מ'קומט נאהנט שלאגן אים די שרים
- ❑ וייל אויפ'ן וועג שטייט א לייב פון גאלד און אז א מענטש זאל צו אים צוגיין וועט ער עפענען די מויל און אים איינשלינגען

**ג. פארוואס קען מען נישט גיין נאנט צום שטול דורך דעם אנדערן וועג וואס גייט ארויס פון שטול?**
- ❑ וייל ווען מ'קומט נאהנט הייבט מען אהן אים צו נאכלויפן
- ❑ וייל ווען מ'קומט נאהנט שלאגן אים די שרים
- ❑ וייל דארטן שטייט א לעמפערט פון אייזן און אז א מענטש זאל צו אים צוגיין וועט ער אים איינשלינגען

**ד. וואס האט דער בן המלך געזעהן אז עס פעלט (גייט אפ) פון אויבן פון דער שטול?**
- ❑ א רייזעלע
- ❑ א קרוין
- ❑ א נאגל

**ה. וואס איז געווארן מיט די שטול ווען מ'האט אלעס מסדר געווען אויפ'ן ריכטיגן סדר,און וואס האט מען אים געגעבן פאר דעם?**
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן זינגען דעם וואונדערליכ'ן ניגון,און מ'האט אים אפגעגיבן די מלוכה
- ❑ זיי האבן אנגעהויבן זינגען דעם וואונדערליכ'ן ניגון,און מ'האט געגיבן די מלוכה פאר די בן השפחה
- ❑ זיי האבן אלע אנגעהויבן טאנצן, און מ'האט אים אפגעגיבן די מלוכה

**ו. וואס האט דער אמת'ער בן המלך געזאגט פאר'ן אמת'ער בן השפחה?**
- ❑ יעצט פארשטייי איך אז איך בין דער אמת'ער בן המלך
- ❑ יעצט פארשטייי איך אז דו ביזט דער אמת'ער בן השפחה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ז. וואס לערנסטו זיך ארויס פון די מעשה?**
- ❑ אז ביים סוף וועט מען זען אז יעדער איד איז דער אמת'ער בן המלך
- ❑ אז ווען מ'האט די ריכטיגע סדר ווערט אלעס פאראכטן
- ❑ _________________________.

**ח. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק



### טיפער געטראכט

וויפיל זאכן דערציילט דער רבי אין די מעשה אז דער אמת'ער בן מלך האט פארשטאנען אז מען דארף דאס רוקן פון זייער ארט און זיי מסדר זיין אויף זייער ריכטיגער פלאץ ?

תשובות אויף פאריגע וואך

וועלכע גוטע מידה קען מען זיך לערנען די וואך פון די מעשה ? שלום

צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040

# אַ קְלֵיינֶע פְּעוּלָה




מִיר לֶערְנֶען אִין דִי מַעֲשֶׂה, אַז נָאכְדֶעם וָואס דֶער בֶּן הַמֶּלֶךְ אִיז אַרוֹיס בְּשָׁלוֹם פוּנֶעם גָארְטְן, הָאבְּן דִי שָׂרִים אִים גֶעזָאגְט: "כָאטְשׁ מִיר הָאבְּן גֶעזֶען אַז דוּ הָאסְט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּנֶעם גָארְטְן אוּמְגֶעשֶׁעדִיגְט, ווִילְן מִיר דִיךְ נָאךְ אַלְץ ווַייטֶער אוֹיסְפְּרוּבִּירְן. דֶער קֶענִיג הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ גָאר הוֹיכֶע שְׁטוּל, אוּן נֶעבְּן דֶעם שְׁטוּל שְׁטֵייעֶן פַארְשִׁידֶענֶע הָאלְצֶערְנֶע חַיוֹת אוּן פוֹיגְלֶען, אוּן פַארְן שְׁטוּל שְׁטֵייט אַ בֶּעט. נֶעבְּן דֶעם בֶּעט שְׁטֵייט אַ טִישׁ, אוּן אוֹיפְן טִישׁ שְׁטֵייט אַ מְנוֹרָה.

"קֵיינֶער ווֵייסְט נִישְׁט וָואס אִיז דֶער צִיל פוּן דֶעם שְׁטוּל, פוּן וואו עֶס קוּמֶען אַרוֹיס גֶעמוֹיעֶרְטֶע וֶועגְן. נֶעבְּן דִי וֶועגְן שְׁטֵייט אַ גָאלְדֶענֶע לֵייבּ, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט נָאנְט, עֶפְּנְט דֶער לֵייבּ זַיין מוֹיל אוּן שְׁלִינְגְט אִים אַיין."

זֵיי הָאבְּן אִים דָאס אַלֶעס גֶעוִויזְן, אוּן עֶר הָאט גוּט בַּאטְרַאכְט אוּן גֶעזֶען אַז אַ רוֹיז לִיגְט אוּנְטֶערְן שְׁטוּל, וָואס פֶעלְט פוּנֶעם שְׁטוּל, אוּן מֶען דַארְף עֶס אַרוֹיפְלֵייגְן אוֹיבְן. עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעזֶען אַז דֶעם טִישׁ דַארְף מֶען אַוֶועקְרוּקְן פוּן זַיין אָרְט. עֶר הָאט גֶעהֵייסְן אַלֶעס אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוּן מְסַדֵר זַיין, אוּן דֶעמָאלְטְס הָאבְּן אַלֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁפִּילְן דֶעם וואוּילְן נִיגוּן. אִין יֶענֶע מִינוּט הָאבְּן זֵיי אִים גֶעגֶעבְּן דִי מְלוּכָה, ווַייל זֵיי הָאבְּן דֶערְקֶענְט וֶוער עֶס אִיז דֶער אֱמֶת'עֶר בֶּן הַמֶּלֶךְ אוּן וֶוער אִיז דֶער בֶּן הַשִּׁפְחָה.

וֶוען מִיר קוּמֶען צוּ אַ צַדִיק אוּן מִיר ווִילְן פָאלְגְן זַיינֶע וֶוערְטֶער מִיט אַן עֶרְנְסְטְקַייט, אַנְטְפְּלֶעקְט אוּנְז דֶער צַדִיק אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט שְׁוֶוער זִיךְ מְקָרֵב צוּ זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן מְקַיֵים צוּ זַיין זַיינֶע מִצְוֹת. דֶער צַדִיק ווַייזְט אוּנְז אוֹיס אַז עֶס אִיז בֶּאֱמֶת זֵייעֶר גְרִינְג צוּ פִילְן נָאנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. מִיר קֶענֶען רֶעדְן צוּ אִים פוּנְקְט ווִי צוּ אַ גוּטְן פְרַיינְד, מִיט אוּנְזֶער פְּשׁוּטֶ'ע שְׁפְּרַאךְ. דָאס אַלֶעס קֶען מֶען דֶערְגְרֵייכְן בְּלוֹיז דוּרְךְ גָאר פְּשׁוּטֶ'ע פְּעוּלוֹת, ווִי לְמָשָׁל צוּ טוּן אוּנְזֶערֶע זַאכְן אַבִּיסְל פְרִיעֶר ווִי מִיר זֶענֶען גֶעוואוּינְט. מִיר דַארְפְן נָאר אַבִּיסְל 'רוּקְן' גֶעוִויסֶע זַאכְן פוּן ווִיאַזוֹי מִיר הָאבְּן עֶס גֶעטוּהְן בִּיז הַיינְט, אוּן אַלֶעס וֶועט אוֹיסְזֶען אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ.

אַבְרָהמֶ'לֶע אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אִינְגְל, צְוֶועלְף יָאר אַלְט! דָאךְ פְּלֶעגְט עֶר אַלְץ אָנְקוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ צוּ דַאוֶוענֶען בְּעֶרֶךְ אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה נָאכְדֶעם וָואס מְ'הָאט שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן. צוּ שַׁחֲרִית פְּלֶעגְט עֶר אָנְקוּמֶען וֶוען דֶער עוֹלָם הָאט שׁוֹין גֶעהַאלְטְן בַּיי 'נִשְׁמַת'. פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס פְּלֶעגְט עֶר אַרַיינְקוּמֶען וֶוען מְ'הָאט שׁוֹין גֶעזוּנְגֶען 'לְכָה דוֹדִי'. אֲפִילוּ צוּ "אָבוֹת וּבָנִים" פְּלֶעגְט עֶר אָנְקוּמֶען שְׁפֶּעט, אוּן וֶוען יֶעדֶער הָאט שׁוֹין גֶעעֶנְדִיגְט, פְּלֶעגְט עֶר נָאךְ דַארְפְן זִיצְן אַן אִיבֶּערִיגֶע הַאלְבֶּע שָׁעָה צוּ קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַ קָארְטְל... אֲפִילוּ אִין כִּתָּה הָאט

המשך אויף זייט 8

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב ראזנוי הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב